# שיחת

כבוד קדושת

# אדמו"ר מנחם מענדל

**זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע**

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## ל"ג בעומר, ה'תשל"ו

**חלק א** — יוצא-לאור לש"פ בהר, יו"ד אייר, ה'תשע"ד

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים וארבע לבריאה

**שנת השבעים להסתלקות-הילולא של כ"ק הרלוי"צ ז"ל**

בס"ד.

## פתח דבר

לקראת ש"פ בהר, יו"ד אייר הבעל"ט — הננו מוציאים לאור חלק ראשון משיחת ל"ג בעומר ה'תשל"ו.

השיחה הוגהה באידיש ע"י כ"ק אדמו"ר בשעתו, ונמצאה לאחרונה, ונדפסת כאן — בפעם הראשונה — הן באידיש והן בתרגום ללה"ק (חלק שני י"ל לש"פ בחוקותי, ערב ל"ג בעומר).

*

בתור הוספה — מכתב (תדפיס מ"אגרות-קודש", שמכינים עתה לדפוס).

*

ויה"ר שנזכה תיכף ומיד ממש לקיום היעוד "הקיצו ורננו גו'", ומלכנו נשיאנו בראשם, וישמיענו נפלאות מתורתו, "תורה חדשה מאתי תצא".

**ועד הנחות בלה"ק**

ד' אייר, ה'תשע"ד
שנת השבעים להסתלקות-הילולא של כ"ק הרלוי"צ ז"ל
ברוקלין, נ.י.

©
Published and Copyright 2014 by
**LAHAK HANOCHOS INC.**
788 Eastern Parkway Suite #408 Brooklyn, New York 11213
Tel. (718) 604-2610
info@lahak.org • http://www.lahak.org
The Kehot Logo is a trademark of Merkos L'inyonei Chinuch, Inc.
5774 • 2014
*Printed in the United States of America*

נסדר והוכן לדפוס
על ידי חיים שאול בן חנה
בדפוס „ועד הנחות בלה"ק"
(718) 604-2610

נדפס באדיבות דפוס
The PrintHouse
538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237
(718) 628-6700

נדפס בסיוע ולזכות בנימין בן חדוה ומשפחת פדרמן ולזכות אמם חדוה בת לאה רייזל

# בס״ד. שיחת ל״ג בעומר*, ה׳תשל״ו

א. אַלע ווייסן וועגן דעם טאָג פון ל״ג בעומר, וואָס ער איז פאַרבונדן מיט צוויי גרעסטע תנאים און פירער פון דעם אידישן פאָלק אין זייער צייט, רבי עקיבא און רבי שמעון בר יוחאי, און וואָס לויט זייער תורה און לערנונגען און אָנווייזונגען וואָס זיי האָבן איבער־געגעבן, פירן זיך אידן אין אַלע ערטער, און אין אַלע צייטן, ביז משיח צדקנו.

ביידע זיינען פאַרבונדן מיטן טאָג פון ל״ג בעומר. זיי האָבן געהאַט פאַרשידענע־ערליי מעלות, פעולות און אָנווייזונגען; אָבער פאַרבונדן מיט דעם טאָג פון ל״ג בעומר – זיינען זיי אַלס די וואָס האָבן געלערנט תורה מיט אידן, און אַלס די וואָס האָבן אָנגעוויזן זייערע תלמידים ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך פירן אין דעם טאָג טעגליכן לעבן.

ב. זייער פאַרבונד צו ל״ג בעומר איז:

די גמרא[1] דערציילט אונז, אַז דאָס איז דער טאָג ווען ס׳איז געוואָרן אַן ענדערונג אין די תלמידים פון רבי עקיבא׳ן (ניט אַזוי ביי אים אַליין ווי בנוגע צו די תלמידים), און ווי די גמרא דריקט זיך אויס אַז ביז דעמולט איז די וועלט געווען אַ וויסטע – „העולם שמם״, און ל״ג בעומר איז געוואָרן די ענדערונג, דורך דעם וואָס ר״ע האָט אויפגעשטעלט תלמידים אין אַ נייעם אופן, נייע תלמידים וואָס זיי האָבן צוריק אויפגעבויט די וועלט, אַז ס׳זאָל זיין אַ אידישע וועלט, און אַ גוטע וועלט, און במילא וועט דאָס אויך איינווירקן אויף אַלע פעלקער וואָס אַרום די אידן.

אַזוי אויך אין צוזאַמענהייט מיט רשב״י, האָט ל״ג בעומר אַן עיקר׳דיקן אָרט אין זיין לעבן – ווי ס׳ווערט דערציילט אין זיין ספר זהר הקדוש[2], אַז ל״ג בעומר איז ער געווען צוזאַמען מיט זיינע תלמידים, און ער האָט געזאָגט אַז דעם טאָג וועט ער אַנטפלעקן און לערנען און אָנווייזן אַזוינע ענינים אין תורה (וואָס ווערט אָנגערופן ״תורת חיים״ – אַן אָנווייזונג אין (טאָג טעגליכן) לעבן) וואָס זיין גאַנצן לעבן האָט ער נאָך ניט אַנטפלעקט, און ניט געלערנט אַזוינע טיפע זאַכן, און צוזאַמען דערמיט איז דאָס נוגע צו דער טאָג טעגליכן אויפפירונג – ווי ער פאַרענדיקט דאָרטן[3] אַז ער האָט פאַרענדיקט די תורה מיט דעם פסוק[4] „כי שם צוה ה׳ את הברכה חיים עד העולם״, אַז דורך דעם, און מיט דעם, גיט דער אויבערשטער און איז ממשיך און משפיע ברכה (בענטשונגען) אין אַלע זאַכן וואָס מ׳דאַרף האָבן, אָנהויבענדיק פון חיים (פון לעבן) כפשוטו (אין איינפאַכן זין פון לעבן), ביז חיים אין דער טיפסטער מיינונג דערפון – אַז מ׳זאָל לעבן ווי אַ מענטש דאַרף לעבן, און ווי אַ איד דאַרף לעבן, אַז דאָס זאָל ווערט זיין אָנגערופן ווערן מיטן וואָרט „חיים״ – אַן אמת׳ער

*) בעת ה„פּאַראַד״.

1) יבמות סב, ב.

2) ח״ג רפז, ב ואילך.

3) שם רצו, ב.

4) תהלים קלג, ג.

לעבן, און דאָס וועט זיין „עד העולם״, אויף אַלע מקומות, און אין אַלע זמנים.

ג. און בשעת מ׳קלייבט זיך צוזאַמען אין דעם טאָג, איז די דערמאָנונג פון די זאַכן ניט סתם כדי צו דערמאָנען זיך וואָס ס׳האָט געטראָפן אַמאָל, נאָר דאָס איז אַן ענין פון חינוך – ערציען זיך, און ערציען די אַלע אַרום זיך, אַז מען זאָל דערפון אָפּלערנען, ווי אַזוי צו פירן זיך אין טאָג טעגליכן לעבן, סיי בהנוגע צו זיך, און סיי בהנוגע צו אַנדערע,

מיט די ספּעציעלער אונטערשט־רייכונג – אַז דאָס איז נוגע ספּעציעל צו תלמידים, אָנהויבענדיק פון תלמידים אין איינפאַכן זין, קליינע קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, ביז אויך תלמידים אין ברייטן זין, וואָס דאָס איז דאָך יעדער מענטש, וואָס יעדער מענטש דאַרף זיך דאָך לערנען יעדער טאָג אַ נייע זאַך, כדי ביי אים זאָל זיין גאַנצע טעג און פולע טעג, אָנגעפילט מיט אידישקייט, מיט גוטסקייט, און מיט צדק ויושר, וואָס דעמולט קומט דאָך אויס אַז לגבי אַ טאָג פאַר דעם, האָט ער יעצט געלערנט אַ נייע זאַך – איז ער אַ תלמיד, ער האָט זיך ערצויגן, און האָט אויך געווירקט אויפ׳ן אַרום זיך, אַז ס׳זאָל צוקומען אין גוטסקייט און אין אידישקייט.

און דאָס לערנט מען אָפּ פון די ביישפּילן פון ל״ג בעומר (ווי מ׳וועט ווייטער ערקלערן), אין צוזאַמענהיינג מיט דער ערציאונג פון קליינע קינדער אין יאָרן, און אויך קליינע קינדער אין וויסן, ווי אַזוי מ׳זאָל יעדער טאָג שטייגן אַלץ העכער און העכער.

און דאָס וועט ברייננגען צו דעם וואָס דער פסוק – וואָס רשב״י האָט געבראַכט – זאָגט: „כי שם גו׳ את הברכה חיים עד העולם״, אַ געבענטשטן לעבן אין אַלע־ערלייע אופנים, ביז אין דעם טיפסטער מיינונג פון חיים, און דאָס זאָל זיין אויף אַלע טעג, און אויף אַלע חדשים, און אויף אַלע יאָרן.

* * *

ד. דערפון פאַרשטייט מען די גרויסע שליחות, און דעם גרויסן זכות און אחריות וואָס ליגט אויף תלמידים:

זיי זיינען אַזוי ווי תלמידים פון רבי עקיבא׳ן. זיי זיינען די אין וועלכע ס׳היינגט אָפּ אויפבויען אַ וועלט – וואָס אַזוי איז זי פּוסט און וויסט – אַז זי זאָל ווערן אַ וועלט ווי עס דאַרף צו זיין,

און דורך זיי זאָלן איבערגעגעבן ווערן די גרעסטע און טיפסטע געדאַנקען פון תורה (פון אָנווייזונג און לערנען) פאַר זיי אליין, און דורך זיי, צו די אַלע וואָס געפינען זיך אַרום זיי – ווי מ׳זעט אַז ווען רשב״י איז געשטאַנען אויף דעם העכסטן שטאַנד (אין דעם העכסטן דיגרי) פון זיין לעבן, האָט ער אויסגעקליבן אויסצייכענען דאָס (ווי ער אַליין זאָגט) מיט איבערגעבן זיינע תלמידים די זאַכן וואָס ער האָט געוואוסט, נאָר ער האָט דאָס געוואוסט ביי זיך אין האַרצן, און ווי ער זאָגט דאָרטן[2] אַז מ׳זאָל דאָס אויכעט פאַרשרייבן, און איבערגעבן די דורות נאָך דערויף.

וואָס בכללות איז דאָס (ווי געזאָגט פריער) דער ענין פון חינוך (ערציאונג), וואָס אמת׳ע ערציאונג איז דאָך ניט נאָר אַז מ׳זאָל וויסן מערער, נאָר אַז דער וויסן זאָל דערנאָך איבערגעזעצט ווערן, זאָל

איינווירקן אויף דער אויפפירונג — אַ נייע גוטע אויפפירונג.

און אָט די שליחות, און דער זכות, און די כחות, האָט מען געגעבן צו די תלמידים פון רבי עקיבא'ן, און דערנאָך צו די תלמידים פון רשב"י, און זיי האָבן דאָס דערנאָך איבערגעגעבן צו אַלע תלמידים — נאָך דערויף וואָס זיי האָבן געעפנט און דורכגעטראָטן די וועג[5] — אַז יעדער תלמיד און תלמידה (יעדער אינגעלע און מיידעלע), אַז ער וועט אָנשטרייינגען זיך, און וועט וועלן נאָכגיין אין זייערע טריט, וועט ער קענען לעבן לויט זייערע אָנווייזונגען, דורך ערציען זיך, און ערציען די חברים און חבר'טעס, און ערציען דעם גאַנצן אַרום — אויפבויען די וועלט (ווי געזאָגט פריער), און אויפבויען דעם אַרום זיך, ביז עס וועט זיין ברכה און חיים עד העולם.

ה. מ'זעט אויך אין דער ערציילונג, אַז פון וואַנענט האָבן גענומען רבי עקיבא און רשב"י איבערגעבן די תלמידים ווי אַזוי ערציען זיך, ווי אַזוי אויפפירן זיך — האָבן זיי דאָס גענומען פון דער תורה, תושב"כ און תושבע"פ.

וואָס דאָס לערנט אונז און ווייזט אויך אָן אויף אַ צווייטן פּרט, אויף אַ צווייטן כלל, אַז תלמידים דאַרפן אַלעס אַרויס נעמען פון תורה — תושב"כ און תושבע"פ.

די אָנווייזונגען ווי אַזוי צו ערציען זיך אַליין, און ווי אַזוי צו ערציען זייערע חברים און חבר'טעס, און ווי אַזוי צו איינווירקן סוכ"ס אויף דער גאַנצער וועלט אַז זי זאָל זיין אַ וועלט ווי ס'דאַרף צו זיין — געפינט זיך דאָס אַלץ אין תורה.

ו. וויבאַלד אַז מ'דאַרף האָבן אַז יעדער טאָג זאָל מען אויפטאָן אַ גוטע זאַך (ווי גערעדט פריער), אָנהויבענדיק פון דעם ערציען זיך, און דעם אַרום זיך — האָט מען פאָרגעשלאָגן[6], און געבעטן ביי אַלעמען, אַז מ'זאָל אויס'חזר'ן ענינים פון תורה אויף אויסענווייניק, כדי אַז אפילו אויב מ'האָט ניט לעבן זיך אַ ספר אויף אַריינקוקן אינעווייניק, זאָל מען קענען פון זכרון — וויבאַלד אַז מ'האָט דאָס אויסגע'חזר'ט — דערמאָנען זיך וואָס ס'שטייט אין תושב"כ און אין תושבע"פ, ווייניק'סטנס איין פסוק, איין מאמר חז"ל, און וואָס מערער איז אַלץ בעסער, און דערנאָך איבערזעצן דאָס אין דער אויפפירונג פון זיך אַליין און פון דעם אַרום זיך.

ווי גערעדט פריער אַז ס'דאַרף צוקומען אַלץ מערער און מערער, איז אין צוגאָב צו די פסוקים און מאמרי חז"ל, וועגן וועלכע ס'האָט זיך גערעדט ביז איצטער אויף אויס'חזר'ן אויף אויסענ־ווייניק, איז אַ גלייכע זאַך אַז מ'זאָל אויס'חזר'ן ווייניקסטנס נאָך צוויי פסוקים, און צוויי מאמרי חז"ל, און אויך צוויי מאמרים פון דעם אַלטן רבי'ן, וועגן וועלכע ער שרייבט אין פרק ל"ג (דריי און דרייסיקסטן פרק) פון זיין ספר התניא.

בשעת אַז מען וועט דאָס וויסן אויף אויסענווייניק, צוזאַמען מיט די ענינים און די מאמרים וואָס מ'האָט אויסגע'־חזר'ט ביז איצטער, וועט דאָס באַלייכטן דעם טאָג טעגליכן לעבן פון דעם תלמיד און די תלמידה, אַז זיי זאָלן נאָך מערער טאָן אין ליכטיג מאַכן מיט „נר מצוה ותורה אור"[7], מיט תורה און מצוות און

---

5) ראה סה"מ תרע"ח ע' רפג. תפר"ח ע' קב. ובכ"מ.

6) ראה שיחת אדר"ח אייר שנה זו.
7) משלי ו, כג.

אידישקייט, אַז די וועלט זאָל ניט זיין קיין „עולם שמם״, נאָר אַ וועלט אויף וועלכע דער אויבערשטער וועט זאָגן אַז דאָס איז זיין דירה.

ז. וואָס דערפאַר איז דער פאָרשלאָג און די בקשה אַז מ׳זאָל צוגעבן – צו די ענינים וואָס מ׳האָט שוין אויסגע׳חזר׳ט ביז איצטער – די פסוקים און מאמרים וואָס האָבן אויך אַ דירעקטע שייכות צו דעם טאָג טעגליכן לעבן:

מען זאָל מוסיף זיין דעם פסוק וואָס איז דער ערשטער פסוק פון תורה שבכתב – „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״, אַז דער אויבערשטער האָט באַשאַפן די וועלט: די הימלען מיט אַלץ וואָס עס געפינט זיך אויפן הימל, און די ערד מיט אַלץ וואָס געפינט זיך אויף דער ערד.

וואָס דאָס האָט אַ דירעקטע שייכות מיט דער טאָג טעגליכער אויפפירונג – וואָרום אַ קליינער אינגעלע אָדער אַ קליינע מיידעלע, אָדער אפילו ערוואַקסענע מענטשן, קענען זיך דערשרעקן אַז מ׳דערזעט אַ גרויסע וועלט אַרום זיך, און אין דער וועלט זיינען דאָ זאַכן וואָס זיינען ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, ווי דער לשון הגמרא „עולם שמם״, אַ וויסטע וועלט. דערמאָנט דער פסוק אַז די וועלט האָט אַ בעה״ב וואָס ער האָט איר באַשאַפן, און דאָס איז דער אויבערשטער, און דער אויבערשטער האָט געגעבן די תורה מיט וועלכע מ׳קען פירן די וועלט, און מ׳קען דורך דערויף אויפטאָן אין „את הארץ״ – אין אַלע זאַכן וואָס זיינען דאָ אונטן אויף דער ערד, און אין „את השמים״ – פועל זיין ביי דעם אויבערשטן אין הימל, ער זאָל געבן ברכה און הצלחה.

ח. און דערפאַר דאַרפן קינדער, תלמידים און תלמידות, קומען צו גיין צו זייערע עלטערן, און זאָגן זיי דעם צווייטן פסוק (וואָס זיי וועלן אויך איינ׳חזר׳ן אויף אויסענווייניק) וואָס קומט אין פאָרזעצונג פון דעם פסוק „שמע ישראל״[8] – וואָס דאָס איז דער פסוק „ושננתם לבניך״[9],

און בעטן ביי דעם פאָטער ביי דער מוטער, אַז זיי זאָלן טאָן דאָס גרעסטע און בעסטע, אַז מ׳זאָל לערנען תורה „לבניך״, מיט די קינדער, און אויך „לבניך אלו התלמידים״[10], מיט די אַלע מיט וועלכע מ׳דאַרף לערנען נאָך אַ זאַך אין תורה,

און לערנען דאָס אין אַזאַ אופן אַז דאָס וועט זיין (ווי דער המשך און דער סיום פון פסוק) „ושננתם לבניך .. בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך״, אַז מ׳וועט דאָס לערנען און אויס׳חזר׳ן אויף אויסווייניק, און דאָס וועט איינגעקריצט ווערן אין האַרצן און אין קאָפּ, אַז סיי ווען די קינדער און די תלמידים און זייערע עלטערן וועלן זיך געפינען „בביתך״, סיי ווען זיי וועלן זיין „בלכתך בדרך״, אַז מ׳וועט זיין אין וועג, סיי „בשכבך ובקומך״ – אַז מ׳וועט זיך לייגן שלאָפן מיט אַ וואָרט פון תורה, און מען וועט אויפשטיין מיט אַ אָנווייזונג פון תורה.

און בשעת קינדער וועלן דאָס פאַרלאַנגען ביי די עלטערן מיט האַרציקייט, ווי קינדער זיינען געוואוינט, איז אַ זיכערע זאַך אַז זיי וועלן אויספירן, און די עלטערן וועלן זיי אַריינגעבן

8) ואתחנן ו, ד (מהפסוקים שדובר אודות חזרתם בעש״פ בשיחת אדר״ח אייר הנ״ל).

9) שם, ז.

10) ספרי ופרש״י עה״פ.

זומער אין אַזוינע „מחנות", אין אַזוינע קעמפּס, וואָס דאָרטן וועט זיין אַ תורה רוח, און אַ תורה שטימונג, און אַ אויפפירונג ע"פ תורה. און אויך צו דער שנת הלימודים (צום לערן יאָר) – פאַרשרייבן זיי אַז זיי זאָלן לערנען אין אַ בית ספר און אין אַן אָרט וואו מ'לערנט תורה און מצוות און אידישקייט.

ט. און אַז ס'וועט קומען צוגיין אַ קינד און וועט זיך באַטראַכטן, אַז ס'איז געווען אַמאָל אין זיין לעבן וואָס ער האָט געטאָן אַ זאַך ניט ווי ס'דאַרף צו זיין – טאָר ער זיך ניט דערשרעקן, און ח"ו אַז דערפאַר זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן זיין שטאַרקייט אין טאָן, אין לערנען תורה אין מקיים זיין מצוות.

און אַז ער וועט פרעגן: ס'טייטש, ס'איז דאָך געווען אַמאָל ווען ער איז דורך געפאַלן?!

וועט ער אויס'חזר'ן דעם מארז"ל וואָס די גמרא[11] זאָגט אַז „לא יגעתי ומצאתי אל תאמין": אויב ער האָט ניט געפונען ביי זיך די כוחות (די שטאַרקייט) אויף פירן זיך ווי ס'דאַרף צו זיין, לויט תורה און אידישקייט, איז דאָס אַ זיכערע זאַך אַז ער האָט זיך ניט אָנגעשטריינגט ווי מ'דאַרף זיך אָנשטריינגען, וואָרום (ווי ער איז מסיים אין דעם צווייטן העלפט פון דעם מארז"ל, אַז) „יגעתי ולא מצאתי אל תאמין; „יגעתי ומצאתי תאמין" – אויב ער וועט זיך נאָר אָנשטריינגען, איז אַ זיכערע זאַך אַז ער וועט געפינען.

י. און ווי געזאָגט פריער אַז מ'דאַרף זיך ניט באַגנוגענען מיט זיך אַליין, נאָר מ'דאַרף טאָן די זעלבע זאַך אויך מיט חברים און מיט חבר'טעס, מיט דער סביבה און מיטן גאַנצן אַרום – זאָגט מען אַז דאָרטן דאַרף ער אויך טאָן מיט די גאַנצע לעבעדיקייט, און מיט די זעלבע האַרציקייט, און מיט דער זעלבער יגיעה,

ווי רבי עקיבא זאָגט אין אַ צווייטן מארז"ל[12]: „ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה", אַז ער דאַרף ליב האָבן דעם חבר, אָדער אַ מיידעלע איר חבר'טע, און אַזוי אַלע אַרום זיך, און דאָס דאַרף זיין „כמוך", אזוי ווי מ'האָט ליב זיך אַליין, און אויף דעם זאָגט רבי עקיבא אַז דאָס איז אַ גרויסער כלל אַן עיקר'דיקער כלל אין תורה (אין לערנונג).

איז דאָך דערפון פאַרשטאַנדיק אַז פונקט ווי ס'דאַרף זיין „יגעתי" בהנוגע צו זיך, אַזוי דאַרף אויך זיין „יגעתי" בהנוגע צו דעם אַרום זיך.

יא. דערנאָך זאָגט מען איהם (ווי געזאָגט פריער) אַז דאָס איז די גרעסטע שליחות וואָס אַ איד קען האָבן, ווי דער אַלטער רבי שרייבט אין דער דריי און דרייסיקסטן פרק פון זיין ספר התניא[13] – וואָס דאָס איז אויך כדאי אויס'חזר'ן אויף אויסווייניק – אַז „תכלית בריאתו" (של האדם), דער צוועק און דער תכלית וואָס אַ מענטש איז באַשאַפן געוואָרן, און ווי ער זעצט גלייך פאָר „ותכלית בריאת כל העולמות", צוליב דערויף זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע וועלטן, איז – „להיות לו דירה זו בתחתונים", דורך אידישקייט, און דורך תורה ומצוות, ד.ה. אַז די כוונה פון בריאת העולם איז, כדי מ'זאָל מאַכן פון זיך, און פון דער אייגענער הויז, און פון דער גאַנצער וועלט, אַן אָרט וואָס דער

11) מגילה ו, ריש ע"ב.

12) תו"כ ופרש"י קדושים יט, יח עה"פ.

13) מב, א.

אויבערשטער זאָל זיך דאָרטן געפינען, פונקט ווי איינער געפינט זיך אין זיין אייגענע דירה.

און מ׳דאַרף דאָס טאָן ניט ווי מ׳טוט אַ זאַך וואָס איז אַן אָנזאָג, אָן אַ געשמאַק אין דעם, אָדער מיט אַ קליינעם געשמאַק, נאָר ווי דער אַלטער רבי זאָגט דאָרט דערנאָך אַ צווייטן כלל אין אַ צווייטן מאמר – וואָס ס׳איז אויך כדאי אים אויס׳חזר׳ן אויף אויסווייניק – אַז ס׳דאַרף זיין „ישמח ישראל בעושיו״[14], און ווי ער טייטשט דאָס אָפּ[15]: „פירוש שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה׳ אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים״, אַז יעדערער וואָס געהערט צום אידישן פאָלק, אָן קיין אונטערשייד ווי זיין צושטאַנד איז געווען מיט אַ טאָג פריער, ווי זיין ערציאונג איז געווען מיט אַ טאָג פריער, אָדער אפי׳ מיט אַ מינוט פריער, וויבאַלד ער איז „מזרע ישראל״, ער געהערט צום אידישן פאָלק, האָט ער די ספּעציעלע שליחות אַז ער דאַרף זיך פרייען „בעושיו״, מיט די שמחה (מיט די פרייד) וואָס דער אויבערשטער האָט, בשעת מ׳פירט אויס די שליחות אויף מאַכן פון זיך און פון זיין הויז און פון דער גאַנצער וועלט – אַ דירה פאַר דעם אויבערשטן, דורך אידישקייט און דורך תורה ומצוות.

ד.ה. אין אַנדערע ווערטער, אַז יעדער תלמיד ותלמידה, סיי אין יאָרן און סיי אין ידיעה, דאַרפן טאָן אין די אַלע זאַכן, דערפאַר וואס צוזאַמען דערמיט ווייל צוליב דערויף זיינען זיי באַשאַפן געוואָרן, און ס׳זיינען באַשאַפן געוואָרן אַלע וועלטן, איז דאָ נאָך אַ צווייטער ציווי – אַז אויב זיי וועלן זיך אַריינטראַכטן אין דערויף, וועלן זיי שטיין אין אַ שמחה גדולה, און מ׳וועט דאָס טאָן מיט אַ גרויסע שמחה, און נאָכמערער דאָס איז ניט נאָר זייער שמחה, נאָר זיי פרייען זיך „בעושיו״, מיט דער שמחה פון דעם אויבערשטן, וואָס ער האָט באַשאַפן את השמים ואת הארץ, און האָט אויסגעקליבן יעדערן מזרע ישראל, אַז ער זאָל מאַכן פון דער וועלט אַ דירה בתחתונים, אָנהויבנדיק פון קליינע קינדער אינגלאַך און מיידלאַך,

אַז זיי שטייען אין אַ שמחה גדולה, וויסנדיק אַז צוזאַמען מיט זיי – און דער ערשטער – פרייט זיך דערמיט דער אויבערשטער, וואָס דעמולט טוט מען דאָס מיט אַ פריילעכקייט, און מיט אַ שטאַרקייט, און מיט אַ לעבעדיקייט, ובמילא – איז מען נאָך מער מצליח.

יב. און ווי געזאָגט פריער אַז אָט די זעקס ענינים: די צוויי פסוקים, די צוויי מאמרי רז״ל, און די צוויי אָנווייזונגען פון דעם אַלטן רבי׳ן – דאַרפמען אַיינקריצן אין זכרון, און צוזאַמען מיט די זעקס ענינים וואָס מ׳האָט איינגע׳חזר׳ט פון פריער, וועט דאָס באַלייכטן די וועג, און צוגעבען שמחה און לעבעדיקייט, אויף דורכפירן די שליחות וואָס יעדער אידישע אינגעלע און מיידעלע האָט, אויף טאָן מיט זיך, און אויפטאָן מיטן אַרום, און אויפטאָן מיט דער גאַנצער וועלט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זיין אַ דירה לו בתחתונים.

* * *

14) תהלים קמט, ב.

15) שם, ב.

## בס"ד. שיחת ל"ג בעומר*, ה'תשל"ו

— תרגום מאידית —

א. ידוע לכל ענינו של יום ל"ג בעומר, הקשור עם שני גדולי התנאים ומנהיגי ישראל בזמנם — רבי עקיבא ורבי שמעון בר יוחאי, ואשר בהתאם לתורתם, הדרכותיהם וההוראות שמסרו לנו, מתנהגים בנ"י בכל המקומות ובכל הזמנים, עד ביאת משיח צדקנו.

שניהם שייכים ליום ל"ג בעומר. היו להם כל מיני מעלות, פעולות והוראות; אך לל"ג בעומר שייכים הם — בתור אלו שלמדו תורה עם בנ"י, ובתור אלו שהורו לתלמידיהם כיצד להתנהג בחיי היום־יום.

ב. וביאור תוכן שייכותם לל"ג בעומר:

הגמרא[1] מספרת לנו, שזהו היום שבו נעשה שינוי בתלמידיו של רבי עקיבא (לא כל־כך אצל ר"ע עצמו אלא בעיקר בנוגע לתלמידים), ובלשון הגמרא שעד אז "הי' העולם שמם", ובל"ג בעומר נעשה השינוי, ע"ז שר"ע העמיד תלמידים באופן חדש, תלמידים חדשים שבנו מחדש את העולם, שיהי' עולם של יהדות, ועולם של טוב, ובמילא זה ישפיע גם על כל האומות שסביב בנ"י.

וכמו כן בנוגע לרשב"י, ל"ג בעומר תופס מקום עיקרי בחייו — כמסופר בספרו, הזהר הקדוש[2], שבל"ג בעומר הי' יחד עם תלמידיו, ואמר להם שביום זה יגלה, ילמד ויורה ענינים כה עמוקים בתורה (שנקראת "תורת חיים" — הוראה בחיים (היום־יומיים)) שכל ימי חייו לא גילה ולא לימד כמותם, וביחד עם זה נוגעים הם להנהגה היום־יומית — כפי שמסיים בזהר[3] שרשב"י סיים את דברי תורתו בפסוק[4] "כי שם צוה ה' את הברכה חיים עד העולם", כלומר שבענינים אלו ועל־ידם הקב"ה נותן וממשיך ומשפיע ברכה בכל המצטרך, החל מענין החיים כפשוטו, עד לענין ה"חיים" במשמעותו העמוקה ביותר — חיים כפי שאדם צריך לחיות, וכפי שיהודי צריך לחיות, חיים הראויים לשמם — חיים אמיתיים, וכל זה יהי' "עד העולם" — לכל המקומות ובכל הזמנים.

---

*) בעת ה"פּאַראַד".

1) יבמות סב, ב.

2) ח"ג רפז, ב ואילך.

3) שם רצו, ב.

4) תהלים קלג, ג.

ג. והזכרת ענינים אלו בשעה שמתאספים יחדיו ביום זה אינה כדי להיזכר בענינים שאירעו בעבר, אלא זהו ענין של חינוך — חינוך עצמו וחינוך כל סביבתו, ללמוד מכך כיצד להתנהג בחיי היום־יום, הן בהנוגע לעצמו והן בהנוגע לאחרים,

והדגשה מיוחדת בזה — בנוגע לתלמידים: החל מתלמידים במובן הפשוט — ילדים וילדות קטנים, ועד לתלמידים במובן הרחב — שבזה נכלל כל אדם, שהרי כל אדם צריך ללמוד דבר חדש בכל יום, כדי שימיו יהיו ימים שלמים ומלאים, מלאים ביהדות, בטוב, בצדק וביושר; ונמצא שביום זה, כשלמד דבר חדש, ה״ה בגדר ״תלמיד״ לגבי היום שלפני־זה — תלמיד שחינך את עצמו, וגם השפיע על סביבתו, להוסיף בעניני טוב ויהדות.

וזהו מה שלמדים מהדוגמאות דל״ג בעומר (כפי שיתבאר לקמן), בנוגע לחינוך של קטנים בשנים, וגם קטנים בידיעות, כיצד לילך ולהוסיף בזה מיום ליום.

וענין זה יביא לקיום הפסוק הנ״ל (שהביא רשב״י) — ״כי שם גו׳ את הברכה חיים עד העולם״, חיים של ברכה בכל האופנים, עד לחיים במובנם העמוק ביותר, וכל זאת במשך כל הימים, כל החדשים וכל השנים.

* * *

ד. מכל האמור מובן גודל השליחות, וגודל הזכות והאחריות, המוטלת על תלמידים:

תלמידים בכלל הינם בדוגמת תלמידי רבי עקיבא. בהם הדבר תלוי לבנות עולם — שמצד עצמו הוא ריק ו״שמם״ — שיהי׳ כדבעי,

ועל־ידם ימסרו הרעיונות הגדולים והעמוקים ביותר בתורה (שענינה הוראה ולימוד) להם עצמם, ועל־ידם לכל הנמצאים בסביבתם — כפי שאנו רואים שכאשר רשב״י הגיע לתכלית העילוי של ימי חייו, בחר לציין ענין זה (כפי שאמר בעצמו) ע״י גילוי הענינים הידועים לו כבר, אלא שעד עתה ״טמירן הוו בליבאי״[2], ועתה מגלה הוא אותם לתלמידיו, ואף הורה (כמ״ש שם[2]) לכתוב את הדברים ולמוסרם לדורות הבאים.

ובכללות — זהו ענין החינוך (כנ״ל), שחינוך אמיתי לא נועד רק להרבות בידע של המחונכים, אלא כדי שידע זה יתורגם לאח״ז לשפת המעשה, וישפיע על הנהגת האדם — שתהי׳ הנהגה טובה חדשה.

ושליחות זו, וזכות זו וכחות אלו, ניתנו לתלמידי רבי עקיבא, ולאח״ז לתלמידי רשב״י, והם מסרום לכל התלמידים — לאחר שפתחו וסללו את הדרך[5] — שכל תלמיד ותלמידה (כל ילד וילדה), אם יתאמץ, וירצה ללכת בעקבותיהם — יהי׳ בכחו לחיות בהתאם להוראותיהם, ע״י חינוך עצמו, חינוך חבריו וחברותי׳, וחינוך הסביבה כולה — לבנות את העולם (כנ״ל), ולבנות את הסביבה, עד להמשכת ברכה וחיים עד העולם.

ה. אנו רואים בסיפור האמור, שמקורן של הוראות אלו, שמסרו רבי עקיבא ורשב״י לתלמידיהם, כיצד לחנך את עצמם וכיצד להתנהג — הוא בתורה, בתורה שבכתב ובתורה שבעל־פה.

וענין זה מלמד ומורה לנו פרט — וכלל — נוסף, שתלמידים צריכים לקחת הכל מהתורה — תושב״כ ותושבע״פ.

ההוראות כיצד לחנך את עצמם, כיצד לחנך את חבריהם וחברותיהן, וכיצד לפעול סוף־כל־סוף על כל העולם כולו, שהעולם יהי׳ כדבעי — נמצאות כולן בתורה.

ו. מכיון שיש צורך לחדש ענין טוב בכל יום (כנ״ל), החל מענין חינוך עצמו וסביבתו — היתה ההצעה והבקשה מכאו״א[6] לשנן בעל־פה ענינים של תורה, כדי שגם בזמן שאין לידו ספר להסתכל בו, יוכל להיזכר בענינים שבתושב״כ ושבתושבע״פ — לפחות פסוק א׳ או מאמר חז״ל א׳ (אותו חזר בעל־פה עד שנחקק בזכרונו), וכל המרבה הרי זה משובח; ולאח״ז יתרגם זאת לשפת המעשה — בהנהגתו שלו ובהנהגת סביבתו.

ומכיון שמזמן לזמן צריך להיתוסף בזה יותר ויותר (כנ״ל) — הנה נוסף על הפסוקים ומאמרי חז״ל שדובר עד עתה אודות חזרתם בע״פ, כדאי ונכון לשנן לכל הפחות עוד שני פסוקים, שני מאמרי חז״ל, וגם שני מאמרים מאדמו״ר הזקן, שכתבם בפרק ל״ג מספר התניא שלו.

וכשידעו ענינים אלו בע״פ, יחד עם הענינים והמאמרים שחזרו עד עתה — יאיר הדבר את חיי היום־יום של התלמיד והתלמידה, שיפעלו עוד יותר בעבודתם להאיר את העולם ב״נר מצוה ותורה אור״[7], תורה ומצוות ועניני יהדות, כך שלא יהי׳ ״עולם שמם״, אלא עולם שאודותיו יאמר הקב״ה שהוא דירתו.

ז. ולכן נתונה ההצעה והבקשה, שיוסיפו — מלבד הענינים שכבר

---

5) ראה סה״מ תרע״ח ע׳ רפג. תפר״ח ע׳ קב. ובכ״מ.

6) ראה שיחת אדר״ח אייר שנה זו.

7) משלי ו, כג.

חזרו ע"ע — עוד פסוקים ומאמרים שיש להם שייכות ישירה לחיי היום־יום:

יש להוסיף את הפסוק הראשון בתורה שבכתב, "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ", שתוכנו — שהקב"ה ברא את העולם, השמים וכל אשר בהם והארץ וכל אשר בה.

וביאור שייכותו הישירה של פסוק זה להנהגה בחיי היום־יום: ילד קטן או ילדה קטנה — ואפילו אנשים מבוגרים — עלולים להתיירא בראותם סביבם עולם גדול, שיש בו ענינים שאינם כדבעי, ובלשון הגמרא — "העולם שמם". וזהו ענינו של פסוק זה — להזכיר שיש בעל־הבית ובורא לעולם, והוא הקב"ה שנתן את התורה, שעל־ידה אפשר להנהיג את העולם, ולפעול "את הארץ" — בכל הענינים הנמצאים למטה בארץ, ו"את השמים" — לפעול אצל הקב"ה למעלה, שימשיך ברכה והצלחה.

ח. ולכן צריכים הילדים, התלמידים והתלמידות, לגשת להוריהם, ולומר להם את הפסוק השני (שגם אותו יחזרו בע"פ) — הבא בהמשך לפסוק "שמע ישראל"[8] — והוא הפסוק "ושננתם לבניך"[9],

ולבקש מהאב ומהאם להשתדל במדה היותר מרובה וטובה שילמדו תורה עם הילדים — "לבניך", וגם "לבניך אלו התלמידים"[10] — עם כל אלו הזקוקים שילמדום עוד ענין בתורה,

ולימוד זה יהי' באופן שיקויים בו (כהמשך וסיום הפסוק) "ושננתם לבניך .. בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך", דהיינו שילמדו ויחזרו על לימודם בע"פ, והלימוד יהי' חקוק בלבם ובמוחם, עד שיעסקו בו הן כאשר הבנים, התלמידים והוריהם הם במצב של "בשבתך בביתך", הן כשהם "בלכתך בדרך", והן "בשכבך ובקומך" — שגם שכיבתם לישון תהי' עם פתגם של תורה, וקימתם משנתם תהי' עם הוראה של תורה.

וכשהילדים יבקשו זאת מהוריהם מעומק לבם — כרגיל אצל ילדים — אזי ברור הדבר שיפעלו את בקשתם, וההורים ישלחו את הילדים בימות הקיץ ל"מחנות" ("קעמפּס") שבהם שולטת רוח התורה, והנהגה ע"פ תורה; וכן לקראת שנת הלימודים שלאח"ז — ירשמום ללמוד בבית־ספר ובמקום שבו לומדים תורה ומצוות ועניני יהדות.

---

8) ואתחנן ו, ד (מהפסוקים שדובר אודות חזרתם בע"פ בשיחת אדר"ח אייר הנ"ל).

9) שם, ז.

10) ספרי ופרש"י עה"פ.

ט. ואם וכאשר ילד ייזכר שאירע פעם בחייו שעשה דבר שלא כראוי כו׳ — אל לו להתיירא מכך, ועאכו״כ שלא יתמעט עי״ז ח״ו התוקף שלו בפעולותיו בלימוד התורה וקיום המצוות.

ואם ישאל: הייתכן, והרי אירע פעם שנכשל?!

יחזור על מארז״ל שמובא בגמרא[11] ״לא יגעתי ומצאתי אל תאמין״, שמזה מובן שאם לא מצא בנפשו את הכחות הדרושים כדי להתנהג כראוי על־פי התורה והיהדות — ברור הדבר שהסיבה לכך היא משום שלא התייגע כראוי, שכן (כפי שמסיים בחלקו השני של מארז״ל זה) ״יגעתי ולא מצאתי אל תאמין״; ״יגעתי ומצאתי תאמין״ — אם רק יתייגע, ברור הדבר שימצא.

י. וע״פ האמור לעיל שאין לו להסתפק בעבודתו עם עצמו, אלא עליו לפעול באותם ענינים גם עם חבריו (וילדה — עם חברותי׳), ועם כל הסביבה — הנה גם הפעולה עם הזולת ועם הסביבה צ״ל במלוא החיות, אותה לבביות ואותה יגיעה,

כפי שרבי עקיבא אומר במארז״ל נוסף: ״ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה״[12], שעליו לאהוב את חברו (וילדה — את חברתה), ואת כל סביבתו, ובאופן ד״כמוך״ — כפי שהוא אוהב את עצמו, ועל כך אומר רבי עקיבא שזה כלל גדול ועיקרי בתורה (בענין הלימוד וההוראה),

ומזה מובן שכשם שצ״ל הענין ד״יגעתי״ בנוגע לעצמו, כן צ״ל הענין ד״יגעתי״ בנוגע להזולת.

יא. ובהמשך לכך אומרים לילד (כאמור לעיל), שהפעולות האמורות בעניני תומ״צ הם השליחות הגדולה ביותר המוטלת על אדם מישראל, כמ״ש אדמו״ר הזקן בפרק ל״ג מספר התניא שלו[13] — וגם זה כדאי לשנן בע״פ — ש״תכלית בריאתו״ (של האדם), המטרה והתכלית שלשמה נברא האדם, וכפי שממשיך מיד ״ותכלית בריאת כל העולמות״, ושלשמה נבראו כל העולמות, היא — ״להיות לו דירה זו בתחתונים״, על־ידי עניני יהדות, תורה ומצוות, דהיינו שכוונת בריאת העולם היא כדי שהאדם יעשה מעצמו, מביתו הפרטי ומהעולם כולו, מקום שבו יימצא הקב״ה בדיוק כפי שאדם נמצא בדירתו הפרטית.

וההתעסקות בזה צריכה להיות לא כפי שעושים דבר שהוא ציווי,

---

11) מגילה ו, ריש ע״ב.
12) קדושים יט, יח ובתו״כ ופרש״י.
13) מב, א.

מבלי שיהי' תענוג בזה, או מתוך תענוג מועט, אלא, כמו שאדמו"ר הזקן ממשיך ואומר שם כלל נוסף במאמר נוסף — שגם אותו כדאי לשנן בע"פ — באופן ד"ישמח ישראל בעושיו"[14], וכפי שהולך ומפרש[15]: "פירוש שכל מי שהוא מזרע ישראל יש לו לשמוח בשמחת ה' אשר שש ושמח בדירתו בתחתונים", שכל מי ששייך לעם היהודי, ואין נפק"מ כלל מה הי' מעמדו ומצבו יום אחד לפני־זה, מה הי' החינוך שקיבל יום אחד לפני־זה, או אפילו רגע אחד לפני־זה — כיון ש"הוא מזרע ישראל", מוטלת עליו השליחות המיוחדת לשמוח "בעושיו", בשמחת ה', הבאה מכך שהאדם ממלא את שליחותו לעשות מעצמו, מביתו ומהעולם כולו, דירה להקב"ה, על־ידי עניני יהדות, תורה ומצוות.

במלים אחרות: נוסף על הציווי המוטל על כל תלמיד ותלמידה, הן בשנים והן בידיעה, לעסוק בכל הענינים האמורים, כיון שזוהי "תכלית בריאתו ובריאת כל העולמות" — מוטל עליהם ציווי נוסף: עליהם להתבונן בתוכן ענין זה, ועי"ז יבואו לידי שמחה גדולה, ויעסקו בכל הפעולות האמורות מתוך שמחה גדולה, ויתירה מזו: שמחה זו אינה רק שמחתם שלהם, אלא שמחתם היא "בעושיו" — בשמחתו של הקב"ה, שברא "את השמים ואת הארץ", ובחר ב"כל מי שהוא מזרע ישראל" להפוך את העולם ל"דירה בתחתונים", החל מילדים וילדות קטנים,

שגם הם עומדים בתנועה של שמחה גדולה, בידעם שיחד עמהם — ולכל לראש — הקב"ה שמח בכך, ואזי פועלים הם בכל הענינים האמורים בשמחה, בתוקף ובחיות, ואזי גם ההצלחה היא ביתר שאת.

**יב.** כאמור לעיל — יש לחקוק בזכרון ו' ענינים אלו (שני פסוקים, שני מאמרי חז"ל, ושתי הוראות מאדמו"ר הזקן), ויחד עם ו' הענינים שכבר חזרו קודם לכן — יאירו ענינים אלו את הדרך, ויוסיפו שמחה וחיות במילוי השליחות המוטלת על כל ילד וילדה בישראל — לפעול על עצמו, לפעול על הסביבה, ולפעול על העולם כולו, שהעולם כולו יהי' "דירה לו ית' בתחתונים".

* * *

---

14) תהלים קמט, ב.

15) שם, ב.

# הוספה

[ט״ז אייר, ה׳תשכ״ד]

[1] מהנכון שתהי׳ איזו התאמה בין ציוני הדפים שבחוברות שמו״ל — לציוני דפי הש״ס [ב׳ דפים לדף?].

[2] אין ענין כלל שיהי׳ מאמר וכיו״ב ממני כתוב להקובץ, כי זהו יתפרש מעין הסכם מן 770 שכל הכתוב בו צ״ל נלמד ומקובל על התמימים, החסידים וכו׳. וק״ל.

❀ ❀ ❀



מצילום כתי״ק, על גליון מכתבו של מו״ה עדין אבן־ישראל (שטינזלץ) בתאריך זה. אגרות נוספות אליו — אג״ק חכ״ו אגרת ט׳תקפג, ובהנסמן בהערות שם.

[1] מהנכון .. שבחוברות שמו״ל .. [ב׳ דפים לדף?]: מספר הנמען בראיון ל־JEM, שכאשר ניגש בתחילה לפרוייקט הוצאת התלמוד בבלי — מנוקד, מפוסק ומבואר — התקשה איך לקבוע את צורתו, שהרי לסדרו במתכונת דף על דף לא הי׳ באפשרי כלל, אם מפני ריבוי החומר לכל דף, אם מפני אפשרויות הדפוס של אז, ולפיכך הו״ל כמה חוברות דוגמא — ע״מ לקבל חוו״ד המעיינים בזה, וכאשר נתקבלה הצעתו זו של רבינו — שיסדרו באופן ד״ב׳ דפים לדף״ — כך נקבע הדבר בפועל.

[2] אין ענין כלל שיהי׳ מאמר וכיו״ב ממני כתוב להקובץ: הכוונה בזה ל״ספר הקן״ — קובץ מאמרים על אדמו״ר הזקן למלאות ק״ן שנה להסתלקותו — אשר הנמען התעסק בעריכתו, ובמכתבו לרבינו עומד על סיבת עיכוב הוצאתו לאור* — שזהו ״בעיקר בשל המשתתפים שעדיין לא שלחו מאמריהם, ואשר לא לכולם אפשרי הוא — בכלל — להאיץ בהם״, וממשיך, ש״עפ״י בקשתו של מר שזר אוסיף, כי מאחר שבזמנו דובר שגם כ״ק שליט״א יוסיף איזו הערה של הקדמה וכיו״ב, הרי ממילא גם זה הוא מן הדברים המעכבים ההוצאה, עכ״פ עד שיִוָדע הענין בזה בבירור״.

*) י״ל בפועל — כד טבת תשכ״ט.

**לזכות**

הרה"ת ר' ***יעקב יהודה ליב*** בן **רחל דוואשא**

להצלחה רבה ומופלגה בכל אשר יפנה

מתוך בריאות בכל רמ"ח אבריו ושס"ה גידיו

ויחזור לבוריו לגמרי ולא יישאר שום רושם כלל

ולאריכות ימים ושנים טובות ובריאות

❁

נדפס על ידי ולזכות משפחתו

שיחיו לאורך ימים ושנים טובות